**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/28/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 50 מיליאן דאלער אין פובליק זיכערהייט געלטער ביי 2022 דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סימפאזיום**

***גאווערנער האט ארויסגעהויבן סטעיט׳ס פובליק זיכערהייט באמיאונגען ביי ערשטע פערזענליכע סימפאזיום אין דריי יאר, צוזאמברענגענדיג איבער 800 געזעץ אינפארסירונג און קרימינאלע יוסטיץ פירער***

***ניו יארק סטעיט וועט אינוועסטירן 20 מיליאן דאלער פאר נייע טעכנאלאגיעס פאר ארטיגע געזעץ אינפארסיר אגענטורן***

***נאך 10 מיליאן דאלער אויף ביז 5,000 קערפער קאמערעס, סטאָרעדזש, סאפטוועיר, און מיטבאגלייטנדע צוגעהערן פאר פאליציי דעפארטמענטס און שעריף אפיסעס***

***20 מיליאן דאלער אין בעפאר-פראצעס סערוויסעס פינאנצירונג אויסגעטיילט צו קאונטיס אויסער ניו יארק סיטי צו הייבן פובליק זיכערהייט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן 50 מיליאן דאלער אין סטעיט פינאנצירונג צו אינוועסטירן אין נייע טעכנאלאגיעס און אויסריכטונגען פאר ארטיגע געזעץ אינפארסיר אגענטורן און שטיצן אן אנגייענדע ריי בעפאר-פראצעס סערוויסעס. אנגעפירט דורכ׳ן ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס, וועט 30 מיליאן דאלער זיין געווידמעט פאר נייע טעכנאלאגיעס און קערפער-געטראגענע קאמערעס פאר ארטיגע געזעץ אינפארסיר אגענטורן, וואס וועט העלפן פארמיידן, רעדוצירן, און לייזן פארברעכנס, ווי אויך בויען צוטרוי אינערהאלב קאמיוניטיס. אין צוגאב, וועט 20 מיליאן דאלער ווערן אלאקירט צו בעפאר-פראצעס סערוויסעס אין אלע קאונטיס אויסער ניו יארק סיטי, וואס וועט העלפן צוריקצוקערן מענטשן אין געריכט דורך זיי צושטעלן מיט מער סערוויסעס און שטיצע. גאווערנער האוקול האט געמאכט די היינטיגע אנאנסמענט ביי דעם DCJS 2022 פובליק זיכערהייט סימפאזיום, צושטעלנדיג אן אפדעיט אויפ׳ן סטעיט׳ס פובליק זיכערהייט באמיאונגען און ארויסהייבנדיג 227 מיליאן דאלער אינעם סטעיט׳ס פינאנץ-יאר-23 בודזשעט צו שטיצן געזעץ אינפארסירונג און קאמיוניטי-באזירטע אונטערנעמונגען צו באקעמפן שיס.עריי און האלטן ניו יארקער מער אפגעהיטן.

״מיין אדמיניסטראציע איז פולקאם אנטשלאסן צוצושטעלן די געצייג וואס אונזערע געזעץ אינפארסירונג ברויכן האבן, אריינגערעכנט דעם גרעסטן סטעיט פובליק זיכערהייט אינוועסטירונג אין דעם לעצטן דור: 227 מיליאן דאלער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״היינט שטאלציר איך זיך אויסצומעלדן 50 מיליאן דאלער אין פובליק זיכערהייט געלטער, וואס וועט העלפן זיכער מאכן אז אלע הינזיכטן פונעם קרימינאל יוסטיץ סיסטעם האבן די געצייג און רעסאָרסן וואס זיי דארפן האבן אויף צו האלטן ניו יארקער אפגעהיטן. ניו יארק נעמט אן ברייט-ארומנעמנדע צוגאנג צו פובליק זיכערהייט, און דורך אינוועסטירן אין אונזערע געזעץ אינפארסיר אגענטורן, געריכט סיסטעמען, און ווייטער ארום, טוען מיר אויפבינדן און

שטיצן אונזער פובליק זיכערהייט עקא-סיסטעם זיכער צו מאכן אז מיר טוען נישט נאר רעדוצירן פארברעכנס נאר מיר טוען עס אויך פארמיידן.״

פון סעפטעמבער 27 ביז 29, וועט דער DCJS 2022 פובליק זיכערהייט סימפאזיום צוזאמברענגען קרימינאלע יוסטיץ פראפעסיאנעלן פון לענגאויס דעם לאנד אין אלבאני. דער סימפאזיום וועט צונויפברענגען פובליק זיכערהייט עקזעקיוטיוון, פאליציי קאמאנד שטאב, פראקורירער, און נאך, כדי מיטצוטיילן אינאווירנדע געדאנקען, באוויז-באזירטע סטראטעגיעס, און אפדעיטס אויף פאליציי רעפארעם און ווידערהוילונג צוזאמארבעט. דער הײ-יעריגער סימפאזיום שטעלט פאר איבער 70 פארשטעלונגען אויף טעמעס וואס ציען זיך פון פירערשאפט פרינציפן, באאמטער וואוילזיין, קאמיוניטי-פאליציי צוטרוי-בויען, גאסן אָוטריטש פראגראמען, אינטעליגענץ אנטוויקלונג, און נאך. גאווערנער האוקול האט געגעבן באמערקונגען ביים סימפאזיום, וואס וועט אויך פיגורירן הויפט באמערקונגען פון באפעלאו פאליציי קאמיסיאנער דזשאסעף גראמאגליא, ניו יארק סיטי פאליציי קאמיסיאנער קיטשענט סועל, און [טשיקא טילמאן](#) פון READI שיקאגא.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמיסיאנערין ראזעננע ראסאדא האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול האט געארבעט אומערמידליך צו פארזיכערן אז מיין אגענטור, און דערמיט די אלע פאליציי דעפארטמענטס, שעריף אפיסעס, פראבעישען דעפארטמענטס, פראקורירער, און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וואס מיין אגענטור שטיצט האבן די רעסאָרסן און פינאנצירונג נייטיג אויף צו טון זייער וויכטיגע ארבעט. די באדייטנדע אינוועסטירונג פון סטעיט געלטער וועט העלפן אונזערע ארטיגע צוזאמארבעטער ארבעטן מער עפעקטיוו און גיניציג-פונקציאנירנד און צושטעלן קריטיש-וויכטיגע רעסאָרסן זיכער צו מאכן אז מענטשן וועלכע זענען פארמישט אין יוסטיץ באקומען די סערוויסעס אין וועלכע זיי נייטיגן זיך, וואס וועט פארבעסערן פובליק זיכערהייט פאר אלע ניו יארקער.״

במשך דעם סימפאזיום, האט גאווערנער האוקול ארויסגעהויבן אז באלד 7,000 אומגעזעצליכע שיסגעווער זענען פארכאפט געווארן דורך די סטעיט פאליציי און געזעץ אינפארסיר אגענטור צוזאמארבעטער זינט יאנואר, צו פארדאנקען די געהעכערטע קאאפעראציע און צוזאמארבעט פון דעם [אינטערסטעיט טעסק-פאָרס אויף אומגעזעצליכע רעוואלווערס](#). די ארבעט — צוזאמגעפּאָרט מיט רעקארד אינוועסטירונגען אין געזעץ אינפארסירונג און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אויף צו פארמיידן און רעדוצירן שיסעריי פארברעכנס — האט געהאלפן פראדוצירן באדייטנדע רעזולטאטן. טראצדעם וואס שיסערייען לענגאויס דעם לאנד זענען געפאלן [אומגעפער 2 פראצענט](#), האבן די 20 גרויסע פאליציי דעפארטמענטס אויסער ניו יארק סיטי באריכטעט א [10 פראצענטיגע רעדוקציע](#) אין שיסערייען במשך די ערשטע אכט חדשים פון 2022 אין פארגלייך צו 2021. ספעציפיש, האט באפעלאו געזען א 36 פראצענטיגע רעדוקציע אין שיסערייען, און נאך זיי יאנקערס, וואס איז געפאלן מיט 27 פראצענט, יוטיקע און לאנג איילענד, אראפ מיט 21 פראצענט, און מאונט ווערנאן, אראפ 11 פראצענט. אין צוגאב, האט ניו יארק סיטי באריכטעט א [13 פראצענטיגע רעדוקציע](#) אין שיסערייען.

גאווערנער האוקול האט געשאפן פינאנצירונג אין דעם פינאנץ-יאר-23 בודזשעט פאר טעכנאלאגיע אויף צו העלפן פאליציי דעפארטמענטס און שעריף אפיסעס אפהאלטן, רעדוצירן, און דערגיין און נאכשפירן פארברעכנס, איבערהויפט געוואלדטאט-פארברעכנס אין וועלכע עס זענען פארמישט שיסגעווער. אנגעפירט דורכ'ן DCJS, וועט 20 מיליאן דאלער אין סטעיט פינאנצירונג צוגעשטעלט ווערן פאר פאליציי דעפארטמענטס און שעריף אפיסעס אויף צו אינוועסטירן אין נייע טעכנאלאגיעס. DCJS וועט עפענען אפליקאציעס צו געזעץ אינפארסיר אגענטורן פאר טעכנאלאגיע פארלאנגען אין מיטל דעצעמבער, אריינגערעכנט לייסענס פלעיט ליינער , מאביל און אוועקגעשטעלטע נאכשפור קאמערעס, אומבאמענטשטע לופטצוג, שיסעריי דערשפור מכשירים, ׳סמאַרט׳ געצייג פאר פאטראל אויטאס און אפיצירן, און אנדערע סארטן פובליק זיכערהייט אויסריכטונגען, שטיצנדיג ביז 20 מיליאן דאלער אין טעכנאלאגיע פארלאנגען. DCJS וועט אויך ארויסגעבן א פארלאנג פאר אינפארמאציע פון סעפטעמבער

30 ביז נאוועמבער 18 אויף צו באקומען צוריקזאג פון פאליציי דעפארטמענטס און שעריף אפיסעס אויף די סארטן טעכנאלאגיע וואס זיי דארפן האבן.

פון סעפטעמבער 30 ביז דעצעמבער 2, וועט DCJS אויך ארויסגעבן א פארלאנג פאר אפליקאציעס פאר קערפער-געטראגענע קאמערעס און פארבינדענע סאפטוועיר און אויסריכטונגען, ווי למשל סטאָרעדזש, אין געזעץ אינפארסיר אגענטורן אויסער ניו יארק סיטי. 10 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג וועט שטיצן ביז 5,000 קאמערעס און באגלייטנדע טעכנאלאגיע. דאס ארויסשטעלן קערפער-געטראגענע קאמערעס איז מיט׳ן זינען צו פארבעסערן פאליציי באאמטער פארבינדונגען מיט׳ן פובליק און דינען אלס אן אינטעגרירטע טייל פון א געזעץ אינפארסירונג אגענטור'ס פראבלעם-לייזונג און קאמיוניטי-מיטשפרעך סטראטעגיע, אויף צו העלפן הייבן פובליק צוטרוי און קאמוניקאציע.

DCJS וועט אויך אויסטיילן [20 מיליאן דאלער אין בעפאר-פראצעס סערוויסעס פינאנצירונג צו אלע קאונטיס אויסער ניו יארק סיטי](). ווי פארגעשטעלט אין דער גאווערנער׳ס 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט [פאליסי אגענדע](), וועט די פינאנצירונג שטיצן און לענגערע ריי בעפאר-פראצעס סערוויסעס, ארייַנגערעכנט אונטערזוכונג און אפשאצונגען, אויפזיכט, א צענטראליזירטער קעיס פארוואלטונג סיסטעם, און געווידמעטע אינפארמאציע מיטטיילונג מיט׳ן געריכט סיסטעם. פּראָבעישען דעפּארטמענטס און קאמיוניטי-באזירטע פארזארגער וועלן באקומען די קריטיש-וויכטיגע פינאנצירונג אויף צו פארברייטערן און פארבעסערן סערוויסעס וועלכע פארשטערקערן פובליק זיכערהייט און טוען צוריקקערן מער מענטשן צום געריכט. DCJS האט באשטימט די געלטער לויט דעם פינף-יעריגן דורכשניט פון נידעריגערע געריכט ארעינמענטס אין יעדע קאונטי און פלאנירט מודיע צו זיין קאונטיס איבער זייערע אויסטיילונגען אום סעפטעמבער 29.

דער סטעיט׳ס [פינאנץ-יאר 23 בודזשעט]() אנטהאלט 227 מיליאן דאלער צו פינאנצירן אינאווירנדע פראגראמען און צוזאמארבעטשאפטן איינגעפירט דורך געזעץ אינפארסיר אגענטורן און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, ארייַנגערעכנט:

- 18.2 מיליאן דאלער פאר געזעץ אינפארסיר אגענטורן וועלכע נעמען אנטייל אין דעם [GIVE איניציאטיוו](), וואס ניצט באווייז-באזירטע סטראטעגיעס צו רעדוצירן שיסערייען און ראטעווען לעבנס אין די 20 קאמיוניטיס אין 17 קאונטיס די שווערסטע באטראפן דורך שיסעריי געוואלד-פארברעכנס.
- 15 מיליאן דאלער פאר ניו יארק׳ס [נעץ פון 10 פארברעכנס אנאליז צענטערס](), וועלכע זאמלען און טיילן מיט אינפארמאציע און אינטעליגענץ — ארייַנגערעכנט שיסגעווער דאטא — צווישן איבער 350 סטעיט און ארטיגע געזעץ אינפארסיר אגענטורן, דינענדיג אלס א קריטיש-וויכטיגע רעסאָרס צו אפהאלטן, אויספארשן און לייזן פארברעכנס, ארייַנגערעכנט שיס-געווער-פארמישטע געוואלד-פארברעכנס. די צענטערס טוען אויך ארויסהעלפן סיי וועלכע געזעץ אינפארסיר אגענטור וואס פארלאנגט עס און אין 2021 האבן די צענטערס זיך אפגערופן צו איבער 60,000 פארלאנגען פאר הילף.
- 24.9 מיליאן דאלער פאר SNUG און קאמיוניטי-באזירטע שיסגעווער-פארברעכנס אונטערנעמונגען וועלכע ניצן א פובליק געזונטהייט צוגאנג צו אדרעסירן שיסגעווער-פארברעכנס: באשטימען דעם קוואל, שטערן די טראנסמיסיע און באהאנדלען די אפעקטירטע דורך זיי צושטעלן ארומנעמיגע סערוויסעס און שטיצע צו אדרעסירן די טראומא רעזולטירנדיג פון לאנג-טערמיניגע אויסגעשטעלטקייט צו שיסגעווער-פארברעכנס. די אינוועסטירונג וועט אויך שטיצן פראגראמען צו העלפן נאכקומען די עיקר׳דיגע געברויכן פון עמפינדליכע יונגווארג; און פארזארגן געניטשאפט-באזירטע דזשאָב-גרייטקייט און ארבעט-פלאצירונג טרענירונג, צווישן אנדערע אונטערנעמונגען.

- 2.5 מיליאן דאלער פאר׳ן אפיס פון שיסעריי פארמיידן אינערהאלב דעם סטעיט דעפארטמענט צו קאארדינירן אינטער-אגענטור שיסעריי רעדוקציע באמיאונגען, אנאליזירן דאטא און שטיצן פובליק באוואוסטזיניגקייט ארבעט.

DCJS איז א מולטי-פונקציע קרימינאלע יוסטיץ שטיצע אגענטור און האט פארשידענע ערליי פאראנטווארטליכקייטן, אריינגערעכנט געזעץ אינפארסיר טרענירונג; זאמלונג און אנאליז פון סטעיט-ברייטע פארברעך דאטא; אויסהאלטונג פון פארברעכנס היסטאריע אינפארמאציע און פינגערפרינט פיילס; אדמיניסטראטיווע אויפזיכט איבער די סטעיט׳ס DNA דאטא-באנק, אין שותפות מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי; פינאנצירונג און אויפזיכט פון פראבעישען און קאמיוניטי קארעקשען פראגראמען; אדמיניסטראציע פון פעדעראלע און סטעיט קרימינאלע יוסטיץ געלטער; שטיצע פאר קרימינאלע יוסטיץ-פארבינדענע אגענטורן לענגאויס דעם סטעיט; און אדמיניסטראציע פון דער סטעיט׳ס סעקס פארברעכער רשימה. פאלגט נאך דער אגענטור אויף טוויטער און פעיסבוק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418